Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הייגט 10 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

№ 301 | Łódź, Poniedziałek 28 grudnia 1931 r. | נײנטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י״ח טבת תרצ״ב | № 301

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# מאנופאקטור פאר סאוויעט-רוסלאנד

## ס'קומען פארשטייער וועגן מאכן גרויסע בעשטעלונגען

וו א ר ש א, 27. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

אין די ערשטע טעג פון חודש יאנואר קומען אן פארשטעהער פון די גרעסטע סאוויעטישע אינדוסטריע-טרעסטען. כדי צו שליסען גרויסע קאנטראקטען אויף גרויסע בעשטעלונגען פאר סאוויעט-רוסלאנד.

עס האנדעלט זיך קודם כל וועגען מעטאל און מאנופאקטור-אויסארבייטונגען.

## היינט — המשך פון „בריסקער" פראצעס

וו א ר ש א, 27. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

מארגען, ד.ה. מאנטאג ווערט צוריק בעניימ דער „בריסקער" פראצעס.

עס דארף רעדען דער ערשטער — דער פערטיידיגער פון מאסטעק'ן אדוו. בארטשיקאווסקי, און די פערטיידיגער פון סאוויצקי'ן די אדוו. אויאזדאווסקי און טשערניצקי.

בסך הכל דארפען נאך רעדען 9 אדוואקאטען.

## לארד רידינג און זיין פרוי אנגעקומען קיין ארץ-ישראל

י ר ו ש ל י ם, 27 (יט"א טעלעגראפיש) לארד רידינג מיט זיין פרוי זענען אנגעקומען קיין עגיפטען. אין קאנטארא (גרעניץ פון ארץ-ישראל) זענען זיי בעגריסט געווארען פון אינזש. רוטענבערג. פון קאנטארא זענען זיי אפגעפאהרען קיין חיפה, און דארט פאהרען זיי קיין עבר-הירדן.

## נייער פאליטישער קורס אין פוילען?

### די געשפרעכען מיט בארטעל'ן און לעמבערג

וו א ר ש א, 27. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

אין צוזאמענהאנג מיט די קלאנגען וועגען בעשטימען בארטעל'ן אלס פרעמיער, גיט מען איבער אז עטליכע פערטרויאונגס-מענער פון מארשאל פילסודסקי זענען ארויסגעפאהרען קיין לעמבערג, וואו זיי פיהרען געשפרעכען מיט בארטעלען, און זיי בעמיהען זיך איהם איבערצייגען, ער זאל וועלען אננעהמען דעם פרעמיער-אמט.

ווי מען האלט, בעדייט עס א נייעם פאליטישען קורס אין פוילען.

וואס בארטעל האט געענטפערט ווייסט מען נאך נישט.

אויב ער וועט נישט ווערען פרעמיער, ווערט אנגערופען א גאנצע רייה אנדערע נעמען, און צווישען אנד. אויך — פון גענעראל סקלאדקאווסקי.

## העשעל פארבשטיין ביים פוילישען אמבאסאדאר סקירמונט

### רעדט ארום די עקאנאמישע לאגע פון די פוילישע יודען

ל א נ ד א ן, 27. (יט"א טעלעגראפיש)). דער פוילישער אמבאסאדאר אין ענגלאנד — סקירמונט, האט אויפגענומען דעם פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער מזרחי-ארגאניזאציע העשיל פארבשטיין. אין דעם געשפרעך זענען בעריהרט געווארען א גאנצע רייה פראגען, ס'איז אויך ארומגערעדט געווארען וועגען דער עקאנאמישער לאגע פון די פוילישע יודען.

אין אפיציעלען קאמוניקאט ווערט געזאגט, אז דער געשפרעך האט געטראגען א זעהר פריינדליכען כאראקטער.

## פערשטענדיגונג פון ציוניסטען מיט דער אגענץ „הדסה"

### וועגען א געמיינזאמע אקציע פאר'ן נאציאנאל-פאנד

נ י ו - י א ר ק, 27. (יט"א טעלעגראפיש). נאך לענגערע אונטערהאנדלונגען איז געקומען צו א פערשטענדיגונג צווישען ציוניסטען, נישט-ציוניסטישע מיטגלידער פון דער אגענץ, הדסה, קרן-קימת, וועגען א געמיינזאמער קאמפאניע פאר'ן נאציאנאל-פאנד, וועלכע וועט זיך אנהייבען אין יאנואר 1922

אין דער קאמפיין וועט זיך אויך בעטייליגען נחום סאקאלאוו.

ד"ר וואו



דער נייער כינעזישער אויסערן-מיניסטער

## פערברענט דער נייער בנין פון „טאז"

### ארעסטירט דער פרעזעס פון „טאז" אין סארני

ס א ר נ י, 27 (יטא טעלעגראפיש) דער נייער בנין פון „טאז" איז פולשטענדיג אפגעברענט געווארען. די היזקות זענען גרויס. דער פרעזעס פון „טאז" איז ארעסטירט געווארען.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 55 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שווינערפאטער און ברודער

# נ. ע. פנחס ראזענבערג

די לויה קומט פאר היינט, מאנטאג, דעם 28-טען דעצעמבער 1931 (י"ח טבת תרצ"ב) 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז שרודמיעסקא 3, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

מזל-טוב

צו דער חתונה פון מיין פריינד

הערמאן אוניקאווסקי

מיט פרל.

מאניע שווארצענבערג

ווינש איך א גליקליך צוזאמענלעבען.

פינקוס וויינטרויב.



בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, אז פון 15-טען דעצעמבער ד. י. האב איך ערעפענט אן ערשטקלאסיגען און עלעגאנטען

הערען- און דאמען-

פריזיר-סאלאן

אויף

זשעראמסקיעגא 28

וואס ווערט אנגעפיהרט פון ערשטקלאסיגע פאכמענער. עמפפעהלענדיג זיך דער געעהרטער קונדשאפט, פערבלייב איך מיט אכטונג

א. ארבשטיין.

בעמ.: צוליב'ן קריזיס צוגענגליכע פרייזען. זויסגעצייכנעטער מאניקיר.

מזל-טוב

א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך מיין ווערטען פריינד

הערמאן אוניקאווסקי

צו זיין חתונה מיט ה"ר

מאניע שווארצענבערג

זאל אייער לעבענס-וועג מיט רויזען בעצירט זיין.

סאלעק גרינבערג.

צוליב דער בר-מצוה-פייערונג פון

וואלף בערנהיים

(סקווערא גוא 20)

דעם זוהן פון אונזער געעהרטען וו.-פרעזעס יוסף, גראטולירען מיר איהם, ווי אויך זיין פאמיליע הערצליכסט.

גלייכצייטיג דאנקען מיר הערצליכסט פאר די שפענדען לטובת אונזער פעראיין.

די פערוואלטונג פון „מלביש ערומים", סקווערא 15

אונזערע ליבע פריינד

משה פאזנאנסקי און פרוי

צו די תנאים פון זייער ליבע טאכטער

פרל. געניא מיט ה' מיעטעק בירנבוים

ווינשען מיר זיי א הארציגען מזל-טוב און דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט.

חיים בוים און פרוי.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע ליבע פריינד

משה פאזנאנסקי און פרוי

צו דער פערלאבונג פון זייער ליבע טאכטער

פרל. געניא מיט ה' מיעטעק בירנבוים

און דעם יונגען פאר ווינשען מיר פיל גליק און עוויגעס צופרידענהייט.

אייזיק יאקובאוויטש און פרוי.

